Lecture proposée par
la Maison de la culture yiddish – Bibliothèque Medem
22 juin 2020 ; https://inderheym.yiddish.paris/

glossaires tirés du

# DER YIDISHER דער ייִדישער

# טעם־טעם TAM-TAM

La culture yiddish à la maison
היימישער ייִדיש־צענטער
Le meilleur remède
די בעסטע רפֿואה



# אין דער ריכטונג פֿון מאַרס

אַ בריטישער אַפּאַראַט פֿליט איצט אין דער ריכטונג פֿון דעם רויטן פּלאַנעט. אין קאָסמאָס האָט דעם אַפּאַראַט אַרויפֿגעפֿירט אַ „סאָיוז“־ראַקעט. די נסיעה[1] איז אַ לאַנגע – 250 מיליאָן מײַל – און וועט זיך פֿאַרענדיקן דעם 25סטן דעצעמבער, ווען אַ טייל פֿון דעם אַפּאַראַט, מיטן נאָמען טשאַרלז דאַרווין, וועט זיך אַראָפּלאָזן[2] אויפֿן מאַרס. דאָס איז אַ חלק[3] פֿון אַן אינטערנאַציאָנאַלער פּראָגראַם, מיט אַמעריקאַנער און יאַפּאַנישע אַפּאַראַטן, וואָס איר ציל[4] איז אויפֿצוקלאָרן, צי ס'איז פֿאַראַן שפּורן פֿון לעבן אָדער פֿון עפּעס וואָס קען אונטערהאַלטן[5] לעבן אין יענע ווײַטע מקומות[6]. די געלערנטע האָפֿן צו געפֿינען סימנים[7] פֿון וואַסער, אָבער מע וועט זוכן אויך אַנדערע מינים[8] אינפֿאָרמאַציע.

1. NESIE voyage 2. se posera/will land 3. KHEYLEK partie/part 4. but/aim 5. favoriser/support 6. ... MEKOYMES lointaines contrées/distant parts 7. SIMONIM traces, *sing.* סימן SIMEN 8. MINIM sortes/kinds.

## קאָסמאָס־וואָקאַבולאַר

| | |
|---|---|
| די אַלוועלט | univers/universe |
| דער קאָסמאָס | cosmos, espace/cosmos, space |
| די גאַלאַקסיע | galaxie/galaxy |
| דער מילכוועג | Voie lactée/Milky Way |
| דער קאָמע'ט | comète/comet |
| דער מעטעאָ'ר | météore/meteor |
| דער פֿאַ'לנדיקער שטערן | étoile filante/shooting star |
| דער שוואַרצער לאָך | trou noir/black hole |
| די שווערקראַפֿט | pesanteur/gravity |
| די אָ'נוואָגיקייט | apesanteur/weightlessness |
| דער קאָסמאָנוי'ט | cosmonaute/astronaut |
| דער ראַקע'ט | fusée/rocket |
| דער סאַטעליי'ט | satellite |
| דער אָרבי'ט | orbite/orbit |
| די אָרבי'ט־סטאַנציע | station orbitale/space station |
| דאָס ליכטיאָר | année lumière/light year |
| די לבֿנה [LEVONE] | lune/moon |
| דער שטערן (–) | étoile/star |
| דער פּלאַנע'ט | planète |
| די זו'נסיסטעם | système solaire/solar system |
| (דער) מערקו'ר | Mercure/Mercury |
| (די) ווענוס | Vénus |
| די ערד | Terre/Earth |
| (דער) מאַרס | Mars |
| (דער) יו'פּיטער | Jupiter |
| (דער) סאַטורן | Saturne/Saturn |
| (דער) אוראַ'ן | Uranus |
| (דער) נעפּטו'ן | Neptune |
| (דער) פּלוטאָ'ן | Pluton/Pluto |

## איך וויל אַבאָנירן דעם *פֿאָרווערטס*

נאָמען : ........................................

אַדרעס : ........................................................................

..............................................................................

אַבאָנעמענט־פּרײַז :

פֿאַראייניקטע שטאַטן[1] : איין יאָר – 36 דאָלאַר, האַלב יאָר – 21 דאָלאַר

איבער דער וועלט :

ים־פּאָסט[2] : איין יאָר – 40 דאָלאַר, האַלב יאָר - 25 דאָלאַר

לופֿטפּאָסט[3] : איין יאָר – 97 דאָלאַר

קרעדיט־קאַרטע־נומער : ........................................

אויסגאַנג[4]־דאַטע : ........................................

שיקט דאָס צעטל אויפֿן אַדרעס :

The Yiddish Forward

45 E 33rd Street, New York, NY 10016 USA

בליצפּאָסט[5]־אַדרעס : faivus@Yiddish.Forward.com

1. Etats-Unis/United States 2. YAM-... poste maritime/surface mail 3. poste aérienne/airmail 4. expiration 5. courrier électronique/e-mail.

# דער קעשענע־טעלעפֿאָן[1] און וואָס צו טאָן מיט אים



מיט אַ קעשענע־טעלעפֿאָן קען מען רעדן וועגן אַלץ : מע קען זיך דורכרעדן[2] מיט משפּחה[3], שמועסן[4] מיט גוטע פֿרײַנד, מאַכן גרויסע געשעפֿטן[5], אַפֿילו[6] פֿירן אַ ליבע[7]...
אָבער אַ מאָל דאַכט זיך[8] אַז קעשענע־טעלעפֿאָנען טויגן[9] נאָר אויף צו שטעלן צוויי פֿראַגעס : „ווּ ביסטו ?“ און „ווען קומסטו ?“.
אָט האָט איר אַ פּאָר[10] בײַשפּילן[11] :
דו פֿאָרסט אין אַן אויטאָבוס. מיט אַ מאָל[12] הערסטו אַ קלונג[13], נישט אַ קלונג ווי אַלע קלונגען, נאָר בעטהאָווענס פֿינפֿטע סימפֿאָניע : „פּאָם־פּאָם־פּאָם־פּאָאָאָם...“. אַ מאַן כאַפּט זיך[14] צו זײַן קעשענע־טעלעפֿאָן.
– האַלאָ ? ... יאָ, האַלאָ זשאַקלין, ווּ ביסטו ? ...אין אַן אויטאָבוס ? יאָ, איך אויך ! ... וואָס ? ... ניין, מע פֿאָרט נישט גיך, מע קריכט[15]. ... אַ יאָ ? דו אויך ? נו, עס וועט נעמען נאָך 20 מינוט, אויב ס'איז נישטאָ קיין צו גרויסער פֿאַרקער[16]. וואַרט אויף מיר, איך קום באַלד !



גייסטו אַראָפּ פֿון אויטאָבוס און שפּאַצירסט[17] אויף דער גאַס. אין אַ קליינעם פּאַרק זעצסטו זיך אויף אַ בענקל. הערסטו נאָך אַ מאָל אַ קלונג. דאָס מאָל שפּילט עס אַן אַריע פֿון *קאַרמען* : „טאָאָאָ־רע־אַ־דאָר...“. אַ פֿרוי זוכט איר קעשענע־טעלעפֿאָן. זי האָט אָבער נישט קיין קעשענע. זוכט זי טיף אין איר האַנטבײַטל[18] און ווערט מער און מער נערוועיִש[19]. די מענטשן אַרום איר ווערן אויך נערוועיִש. „טאָ־רע־אַ־דאָר“ שפּילט ווײַטער. סוף־כּל־סוף[20] געפֿינט זי דעם טעלעפֿאָן.
– האַלאָ... האַלאָ ? ... וואָס מיינט, „ווּ בין איך“ ? איך בין דאָ ! ווּ ביסטו ? איך זע דיך נישט... וואָס ? ... דו שטייסט בײַם פֿאָנטאַן[21]. (קוקנדיק אַרום זיך) ווּ ? ווּ ? ... אוי, איצט זע איך דיך. (מאַכנדיק מיט דער האַנט[22]) יוווּ־הווּווּ... בלײַב ווּ דו ביסט. איך קום באַלד !
נאָך אַ מאָל אויף דער גאַס. דו גייסט פֿאַרבײַ אַ הויז. פֿאַר דער פֿאַרמאַכטער טיר שטייט אַ מענטש וואָס רעדט אַרײַן אין אַ קעשענע־טעלעפֿאָן.
– האַלאָ שאַרל, איך שטיי פֿאַר אײַער טיר און איך קען נישט אַרײַן. איך האָב פֿאַרגעסן דעם קאָד. ... ניין, איך קען נישט פֿאַרשרײַבן, איך האָב נישט קיין פֿען. ... יאָ, אַ דאַנק, איך קום באַלד !

אויב מע וויל מער נישט הערן די אַלע רייד, וואָס טוט מען ? מע פֿאָרט מיט אַן אויטאָ. זיצסטו אין דײַן אויטאָ, איינער אַליין ! איז שוין שטיל. אַ מחיה[23] ! דו פֿאָרסט. מיט אַ מאָל הייבן אָן אַלע אויטאָס צו פֿאָרן פּאַמעלעכער[24]. עס ווערט טונקל. פֿון די אָפֿענע פֿענצטער פֿון די אַרומיקע[25] אויטאָס הערסטו שטימען[26] וואָס שרײַען אַרײַן אין טעלעפֿאָנען : – איך הער נישט ! – איך הער גאָרנישט ! – איך בין אין אַ טונעל.
– אָבער דאגה נישט[27], פּיער... דאגה נישט, מאַרי...
א י ך  ק ו ם  ב אַ ל ד !

## טעלעפֿאָן־וואָקאַבולאַר

| | |
|---|---|
| דער טעלעפֿאָ'ן | téléphone |
| אָ'נקלינגען צו | téléphoner/to phone |
| אָ'נדרייען/אָ'נקלאַפּן | composer/to dial |
| דאָס גלעקל | bip |
| דאָס טעלעפֿאָנען־בוך | annuaire |
| דאָס טרײַבל | l'écouteur/receiver |
| אַווע'קלייגן דאָס טרײַבל | raccrocher/to hang up |
| דער קלונג | sonnerie/ring |
| קנעפּלעך | touches/buttons |
| דער פֿאָ'רנומער | indicatif/aeria code |
| דער טעלעפֿאָן קלינגט | le téléphone sonne /the phone is ringing |
| ע'נטפֿערן אויפֿן טעלעפֿאָן | répondre au téléphone /answer the phone |
| האַלאָ | allo/hello |
| ווער קלינגט ? | qui est à l'appareil ? /who's calling? |
| קיינער ענטפֿערט נישט | personne ne répond/no answer |
| די ליניע איז פֿאַרנומען | la ligne est occupée /the line is busy |
| וואַרט צו ! | ne quittez pas/hold on |
| איך גיב אים איבער | je vous le passe/I'll connect you |
| לאָזט אַ מעלדונג | laissez un message /leave a message |
| די ע'נטפֿערקע | répondeur/answering machine |
| קע'שענע־טעלעפֿאָן, קע'שעפֿאָן, מאָבי'ל־טעלעפֿאָן, צע'ל־טעלעפֿאָן, צעלפֿאָן, צע'לעפֿאָן, צעלקע. | téléphone portable/cell phone |

4

1. *lit.* téléphone de poche (un des nombreux mots pour "téléphone portable"; voir glossaire)/*lit.* pocket telephone (one of the many words for "cell phone"; see glossary) 2. discuter/discuss 3. MISHPOKhE famille/family 4. bavarder/chat 5. affaires/business 6. AFILE même/even 7. vivre un amour/have a love affair 8. il semble/it seems 9. conviennent/are suitable 10. quelques/a few 11. exemples/examples 12. soudain/suddenly 13. sonnerie/ring 14. se précipite sur/grabs 15. on se traîne/we're crawling 16. circulation/traffic 17. tu te promènes/you stroll 18. sac à main/handbag 19. agitée/nervous 20. SOFKL-SO'F enfin/at last 21. fontaine/fountain 22. agitant la main/waving her hand 23. A MEKHAYE un plaisir/a pleasure 24. plus lentement/slower 25. tout autour/surrounding 26. des voix/voices 27. DAYGE ... ne t'inquiète pas/don't worry.

[סוף פֿון זײַט 7]

ווען איך בין געקומען צו זיך האָב איך זיך געפֿונען ליגן אויף דער פּאָדלאָגע[26]. לעבן מיר האָט געקניט[27] דער זעקס־יאָריקער לייבל און האָט באַוועגט מײַן אָרעם אַרויף און אַראָפּ כּדי[28] מיך אויפֿצולעבן. דערנאָך האָט ער מיר אַוועקגעלייגט אַ קאַלטן קאָמפּרעס אויפֿן שטערן, געעפֿנט מײַן מויל און אַרײַנגעגאָסן אַ ביסל בראָנפֿן[29]. צו ביסלעך איז מיר צוריקגעקומען מײַן קראַפֿט און איך האָב זיך געקענט אויפֿזעצן.

„וואָס איז געשען ?“ האָב איך געפֿרעגט מיט אַ שוואַך קול[30].

„האָסט באַקומען אַן עלעקטרישן זעץ, פֿעטער[31]“, האָט דער צוציק[32] געענטפֿערט [...]. „דאגה נישט[33], ס'וועט באַלד אַדורכגיין. איך גרייט דיר צו אַ הייסע טיי.“

ער איז אַוועק אין דער קיך און האָט אויפֿגעשטעלט אַ טשײַניק[34] וואַסער. נאָך דעם איז ער צוריקגעקומען און האָט געפֿרעגט אויב איך וועל נישט מורא האָבן[35] צו בלײַבן עטלעכע מינוט אַליין, ווײַל ער גייט אַרויס מעלדן דעם דאָקטער ער זאָל קומען אָנקוקן מיך אין דער פֿרי. אויפֿן וועג איז ער אויך צוגעגאַנגען אין אַן אַפּטייק[36] און געקויפֿט פֿאַר מיר אַ פּאָר באַרויִקונגס־פּילן. אַהיים געקומען, האָט מיר לייבל געהאָלפֿן זיך אויפֿשטעלן אויף די פֿיס און זיך אַוועקזעצן אויף דער קאַנאַפּע. ער אַליין האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פֿוסבענקעלע אַקעגן איבער און מיר פֿאָרגעלייענט עטלעכע אויסגעקליבענע לײַט־אַרטיקלען[37] פֿון די סוף־וואָכיקע בײַלאַגעס[38].

און איך בין אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

אַרום האַלבער נאַכט זײַנען אַהיימגעקומען די גוטוואָכס פֿון טעאַטער און האָבן מיך אויפֿגעוועקט. [...]

„אַ האַרציקן דאַנק אײַך, אפֿרים, מיר ווייסן נישט ווי אײַך צו דאַנקען !“

„נישטאָ פֿאַר וואָס“, האָב איך זיי געענטפֿערט און זיך אומגעקערט צו דער טיר.

בשעת איך האָב נאָך געטאַפּט אין דער פֿינסטערניש [...] האָט זיך מיר פּלוצלינג עמעצער געשטעלט אין וועג אַרײַן.

„פֿעטער“, האָב איך געהערט לייבלס קול, „מײַן נאַכטטאַריף איז 150 שקלים[39]. דאָס איז דער פּרײַז אין מאַרק[40], חבֿרל[41]...“

איך האָב אים באַצאָלט. אַ ברירה[42] האָב איך דען געהאַט ?

26. plancher/floor 27. était agenouillé/knelt 28. KEDE'Y afin de/in order to 29. eau-de-vie/liquor 30. KOL voix/voice 31. *litt.* oncle/uncle ; *ici* mon vieux/*here* old chum 32. gamin/kid 33. DAYGE ... ne t'inquiète pas/don't worry 34. bouilloire/kettle 35. MOYRE ... avoir peur/be afraid 36. pharmacie/drugstore 37. éditoriaux/editorials 38. SOF-... suppléments du dimanche/week-end supplements 39. SHKOLIM *pl. de/of* שקל SHEKL, shekel 40. prix du marché/market price 41. KHA'VERL mon pote/pal 42. BREYRE choix/choice.

# הומאָר־גלאָסאַר



| | |
|---|---|
| דער קאָמיזם | (le) comique/humor |
| די סאַטירע | satire |
| די איראָניע | ironie/irony |
| די פּאַראָדיע | parodie/parody |
| דער פֿאַרס | farce |
| דאָס געלעכטער | (le) rire, hilarité/laughter |
| דער/דאָס קאַטאָוועס | plaisanterie/joking, kidding |
| דער שפּאַס | plaisanterie, blague/joke |
| דער וויץ | blague, mot d'esprit/joke, witty saying |
| דער אַנעקדאָט | anecdote |
| דאָס גלײַכוואָרט/גלײַכווערטל | bon mot, aphorisme/aphorism |
| די הומאָרעסקע | récit humoristique/humerous piece |
| דער וויצלער/וויצלינג | farceur, diseur de bons mots/joker, wit |
| דער לץ (לצים/לצנים) [LETS - LEYTSIM/LETSONIM] | bouffon, plaisantin/clown, jester |
| דער בדחן [BATKhN - BATKhONIM] | amuseur des mariages/wedding jester |
| דער פֿריילעך־מאַכער | plaisantin, bouffon/joker, jester |
| וויציק, שפּאַסיק | drôle, amusant/witty, funny |
| קאָמיש | comique, drôle/funny |
| שמייכלען | sourire/to smile |
| לאַכן | rire/to laugh |
| לאַכן מיט יאַשטשערקעס | rire jaune/forced laughter |
| אָפּלאַכן/חוזק [KHOYZEK] מאַכן/ שפּעטן/שפּאָטן (פֿון) | se moquer (de)/mock, make fun of |
| טרײַבן שפּאַס/קאַטאָוועס | plaisanter/to joke, jest |
| אויף קאַטאָוועס/שפּאַס/אַ געלעכטער | pour rire/in jest |
| אויסגעדראָשענער וויץ | blague éculée/stale joke |
| אַ וויץ מיט אַ באָרד | vieille blague/old joke |




דער יִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר יִדיש־לערנערס

*דער ייִדישער טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער יִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט איוועט, אַלינאַ, גאָלדע, יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ, עוולין, רובי, שרון.

Der Yidisher Tamtam
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18, passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com

מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם* אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com

[סוף פֿון זײַט 1]

קאָכן איז טיף אײַנגעגלידערט[12] אין ייִדישער קולטור. אין אַ סך הײַנטיקע אַסימילירטע משפּחות[13] ווייסט מען גאָר נישט פֿון די ייִדישע יום־טובֿים[14], אָבער מע געדענקט וואָס די באָבע האָט צוגעגרייט אויף ראָש־השנה[15], פּורים[16] אָדער פּסח[17]. אונדזער „מאַדלען[18]“ איז אַ זויערע אוגערקע[19] אָבער זי האָט דעם זעלבן טעם, דעם טעם פֿון אונדזערע קינדער־יאָרן.

מען וואָלט זיך געקענט אויסלערנען קאָכן פֿון אַ בוך – עס זענען פֿאַראַן אַ סך קאָכביכער מיט ייִדישע רעצעפּטן. „אַוודאי[20]“ – זאָגט רעזשין – אָבער קיין שום[21] בוך וועט דיר נישט ווײַזן ווי אַזוי (ווי די מאַמע פֿלעגט זאָגן) *דו שיטסט אַרײַן אַ ביסל מעל און גיסט אַרײַן אַ ביסל וואַסער... דו וועסט שוין זען*“.

„דאָס קען מען נאָר לערנען פֿון אַ ייִדישער באָבע“ – זאָגט קאַרען, אַ יונגע פֿרוי פֿון דרײַסיק יאָר. זי איז אַ פּאָר מאָל געקומען זיך אויסלערנען ווי אַזוי צו באַקן אַ שטרודל און המן־טאַשן[22]. דאָס מאָל איז זי דאָ צו ווײַזן ווי אַזוי איר באָבע פּעשע האָט געמאַכט קרעפּלעך.

צו קאָכן געפֿילטע פֿיש האָט מען גערופֿן אַליקן. אַ מאַן אין אַ ייִדישער קיך, דאָס איז אַ נײַעס ! „בײַ אונדז אין דער משפּחה – זאָגט אַליק – איז עס אַ טראַדיציע די מענער זאָלן צוגרייטן די געפֿילטע פֿיש. מען האָט ניט צוגעלאָזט קיין ווײַב צו אַזאַ וויכטיקער זאַך. איך האָב זיך אויסגעלערנט פֿון מײַן זיידן און מײַן טאַטן“.

מיט קאָכן גייט עס ווי מיט רעדן ייִדיש אָדער שפּילן כּלי־זמר־מוזיק[23]. מע קאָכט נישט אין פּוילן ווי אין פֿראַנקרײַך אָדער אין אַמעריקע... יעדער לאַנד, יעדער שטאָט ברענגט צו איר אייגענעם געשמאַק.

אַניק האָט געוויזן ווי מע באַקט מיט אַ פּאַלעסטינער טאָפּ[24] און זשאַנין ווי מע קאָכט אָן שמאַלץ אין אַמעריקע.

און ווען מע גיט צו אַ פּאָר ייִדישע ווערטער, האָבן די רעצעפּטן אַן אמתן[25] ייִדישן טעם !



12. ancré/deeply rooted 13. MISHPOKHES familles/families 14. YONTOYVIM fêtes/holidays 15. ROSHASHONE Nouvel An juif/Jewish New Year 16. Pourim/Purim 17. PEYSEKH Pâque/Passover 18. madeleine (de Proust)/the madeleine of Proust (which recalled his childhood) 19. cornichon au sel/sour pickle 20. AVADE bien entendu/of course 21. aucun/no 22. HOMEN-... gâteaux de Pourim/Purim pastries 23. KLEZMER-... musique klezmer/klezmer music 24. moule à gâteau à mettre sur le feu/pan used to bake cake on an oven top 25. E'MESN véritable/real.





## טרינקען־גלאָסאַר



| | |
|---|---|
| טרינקען אַ גלעזל | prendre un verre /have a drink |
| מאַכן אַ לחיים [LEKHAIM] | prendre un verre /have a drink |
| מאַכן אַ כּוסע [KOYSE] | boire un coup/have a drink |
| שיכּורן [SHI'KERN] | boire, se soûler/drink, get drunk |
| זויפֿן | *(péjor.)* boire, écluser/*(cont.)* guzzle, swill |
| דער כּוס (ות) [KOS - KOYSES] | verre à pied, coupe/goblet, cup |
| דער בעכער (ס) | coupe/wine glass, goblet |
| דער ווײַן | vin/wine |
| דער שוימווײַן | vin mousseux/sparkling wine |
| דער שאַמפּאַניער | champagne |
| דאָס ביר | bière/beer |
| דער בראָנפֿן | eau-de-vie, vodka/liquor, vodka |
| די משקה [MASHKE] | boisson alcoolisée/liquor |
| דער ביטערער טראָפּן | alcool/liquor |
| דער שנאַפּס | alcool, eau-de-vie/liquor, whisky |
| דער סאַמאָגאָן/סאַמאַגאָן | gnôle, eau-de-vie “maison”/home brew |
| די/דער שענק | estaminet, bistrot/tavern |
| שיכּור [SHIKER] | ivre ; ivrogne/drunk; drunkard |
| שיכּור (ווי) לוט [LOT], טויט שיכּור | ivre mort/dead drunk |
| בגילופֿין [BEGILUFN] | éméché/tipsy |
| דאָס שיכּרות [SHIKRES] | ivresse/drunkenness |
| דער קאַצן־יאָמער | gueule de bois/hangover |


# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

*דער ייִדישער טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
איוועט, יצחק, מאַרי,
נאַטאַליאַ, עוולין, פֿאַני, רובי, רעזשין.

DER YIDISHER TAMTAM
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18, passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com
מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com

# קאַרטאָפֿל־זופּ מיט קרויט[1]

## פֿון שׂרה־רחל[2] שעכטער

מײַן מאַן, לייבל, אַ פּויליש געבוירענער, האָט זייער ליב די זופּ, ווײַל ער זאָגט, אַז ס'האָט אַ היימישן פּוילישן טעם[3]. ס'איז אויך זייער גרינג די זופּ צו מאַכן. אַנשטאָט הינדל־יויך[4] קענט איר ניצן 4 טעפּלעך[5] וואַסער, באַטעמט[6] מיט יויך־פּראָשיק[7].



2 לעפֿל אײלבערט־בוימל[8]
1 ציבעלע[9], צעשניטן
4 ציינדלעך[10] קנאָבל[11], צעהאַקט
1/2 לעפֿעלע רויטער פֿעפֿער
3 גרויסע קאַרטאָפֿל, צעשניטן
1 1/2 שטענגלעך סעלעריע[12], צעשניטן
1 1/2 טעפּל קרויט, צעשניטן אין לאַנגע, דינע שטיקלעך
4 טעפּלעך הינדל־יויך
1 לעפֿעלע זאַלץ
שוואַרצער פֿעפֿער, לויט אײַער געשמאַק

הייצט אָן דעם בוימל אין אַ זופּטאָפּ איבער אַ קליינעם פֿײַער. פּרעגלט[13] די ציבעלע און דעם קנאָבל ביז זיי ווערן דורכזיכטיק[14]. גיט אַרײַן דעם רויטן פֿעפֿער און מישט איין מינוט.
טוט אַרײַן די צעשניטענע קאַרטאָפֿל, סעלעריע, קרויט און הינדל־יויך. קאָכט 20 מינוט ביז די קאַרטאָפֿל ווערן ווייך. ניצנדיק אַ געלעכערטן לעפֿל[15], גיט אַרײַן בערך[16] אַ העלפֿט פֿון די גרינסן[17] אין אַן עלעקטרישן פּראָצעסירער[18] (אָדער צעקוועטשט זיי מיט אַ גאָפּל[19]), און גיסט צוריק אַרײַן אין דער זופּ. באַזאַלצט און באַפֿעפֿערט די זופּ און וואַרעמט זי ווידער אָן. עסט די זופּ מיט פֿריש ברויט און אַ סאַלאַט. און טאָמער[20] ווילט איר זיך פֿילן ווי אין אַ שיינעם רעסטאָראַן – טרינקט צו אַ גלעזל מערלאָ־ווײַן[21] !

1. choux/cabbage 2. SORE-ROKHL 3. TAM goût/taste 4. bouillon de poulet/chicken soup 5. tasses/cups 6. BATA'MT assaisonnés/seasoned 7. bouillon cube/bouillon powder 8. huile d'olive/olive oil 9. oignon/onion 10. gousses/cloves 11. ail/garlic 12. branches de céleri/celery stalks 13. faites frire/fry 14. translucides/transparent 15. écumoire/slotted spoon 16. BEEREKH à peu près/about 17. légumes/vegetables 18. mixeur/processor 19. fourchette/fork 20. si/if 21. merlot.

# קאָכן־גלאָסאַר

| | |
|---|---|
| קאָכן | cuire (à l'eau)/cook, boil |
| באַקן | cuire (au four)/bake |
| בראָטן | rôtir/roast |
| פּרעגלען | frire/fry |
| זידן | bouillir *(intr.)*/boil |
| צושטעלן | mettre à cuire/ put up (to cook) |
| אָנוואַרעמען | chauffer/heat |
| פֿאַרברענען | brûler/burn |
| שמעלצן | faire fondre/melt |
| קנעטן | pétrir/knead |
| אויסוואַלגערן | étaler/roll out |
| דאָס קאָכבוך | livre de cuisine/ cookbook |
| דער רעצעפּט | recette/recipe |
| דער קאָך, די קעכין | cuisinier(-nière)/cook |

# געפֿעס, געשיר

| | |
|---|---|
| די כּלי (ם) [KEYLE - KEYLIM] | récipient/receptacle |
| דאָס דעקל, דאָס שטערצל | couvercle/lid |
| דער טאָפּ | pot, marmite/pot, pan |
| די פֿאַן | poêle à frire ; casserole/ saucepan; frying pan |
| דער טשײַניק | bouilloire/kettle |
| דאָס וואַלגערהאָלץ | rouleau à pâtisserie/ rolling pin |
| די שיסל | bol/bowl |
| די/דאָס ברעט | planche/board |
| דער אויוון | four/oven |
| די פֿײַערקע | plaque de cuisine/burner |


## איך וויל אַבאָנירן דעם *פֿאָרווערטס*

אַבאָנעמענט־פּרײַזן : פֿאַראייניקטע שטאַטן[1] : איין יאָר – 36 דאָלאַר, האַלב יאָר – 21 דאָלאַר
איבער דער וועלט : ים־פּאָסט[2] : איין יאָר – 40 דאָלאַר, האַלב יאָר - 25 דאָלאַר, לופֿטפּאָסט[3] : איין יאָר – 97 דאָלאַר

נאָמען : ..................................... קרעדיט־קאַרטע־נומער : ..................................
אַדרעס : ..................................... אויסגאַנג[4]־דאַטע : ..................................
.....................................

שיקט דאָס צעטל אויפֿן אַדרעס : The Yiddish Forward, 45 E 33rd Street New York, NY 10016 USA
בליצפּאָסט־אַדרעס : faivus@Yiddish.Forward.com

1. Etats-Unis/United States 2. YAM-... poste maritime/surface mail 3. poste aérienne/airmail 4. expiration.

# לאָמיר זיך שפּילן...

## קעסטלשפּיל פֿאַר קענער

אין דעם קעסטלשפּיל ניצט מען ניט קיין נקודות (א = אַ = אָ) און ניט קיין סוף־אותיות (נ = ן). וו, יי, ײַ, און וי רעכענען זיך יעדער ווי איין אות.




### דעפֿיניציעס

**האָריזאָנטאַל**

**א.** גיפֿט[1] אויף לשון־קודש[2] – מיט דעם קען מען (חלילה[3]) אָפּשנײַדן אַ קאָפּ.

**ב.** רומענישע פּאָלענטאַ.

**ג.** ווען מע הערט אויף עס צו טאָן מער ווי איין מינוט שטאַרבט מען.

**ד.** אַ לשון־קודשדיק וואָרט וואָס מיינט „בלויז, נאָר“, און זאָגט זיך אַרויס ווי דער נאָמען פֿון אַ ים־חיה[4] וואָס לויפֿט קרום – נישט דין.

**ה.** אַ טייל פֿון אַ בגד[5] ווו מע קען אַרײַנטאָן אַ סך זאַכן ווי געלט, נאָזטיכלעך, אאַז״וו.

**ו.** דער וואָס ווינט אין טריר.

**ז.** ריכטיקער אויסלייג פֿון „טאָמע“ (אומריין, זינדיק) – „בערג פֿון...“ אין לשון־קודש (אַ וואָרט וואָס זאָגט זיך אַרויס ווי דער באַרימטער ארץ־ישׂראלדיקער[6] טאַנץ).

**ח.** קלאַנגען פֿון שלאַנגען.

**ט.** אותיות[7] וואָס באַטרעפֿן 300, 30 און 5.

**ווערטיקאַל**

1. אַזוי רופֿט מען אַ ייִנגל „וואָס קען זיך נאָך ניט אָפּווישן די נאָז“.
2. אַ צווייטער דימינוטיוו פֿון מאָטל – אימפּעראַטיוו צווייטע פּערזאָן אין איינצאָל פֿון דעם ווערב מישן.
3. וואָס זאָגט אַ ציג ? – פֿאַזע, באַזונדערער מאָמענט אין אַן אַנטוויקלונג.
4. וואָס טראָגן מענער אונטער אַן אָנצוג אָדער אַ רעקל – איניציאַלן פֿון עליו־השלום[8].
5. יעדער איינער, אָן אויסנאַם – איניציאַלן פֿון אַ שטאָט אין אַמעריקע וואָס מע רופֿט זי „דער גרויסער עפּל“.
6. אַ הויז פֿאַר קינדער וואָס האָבן נישט מער קיין טאַטע־מאַמע.
7. כּבֿוד[9], האָנאָר.
8. פּרויען וואָס האַלטן אַ שענק[10].

**דער ענטפֿער אינעם קומענדיקן נומער**

1. poison 2. LOSHN-KOYDESH hébreu/Hebrew 3. KHOLILE que Dieu préserve/God forbid 4. YAM-KHAYE animal marin/sea animal 5. BEGED vêtement/garment 6. ERETS-YISRO'ELDIKER israélien/Israeli 7. OYSYES lettres de l'alphabet/letters of the alphabet, *sing.* אות OS 8. OLEVASHOLEM qu'il repose en paix/may he rest in peace 9. KOVED honneur/honor 10. bistrot/tavern.



### גלאָסאַר
### קאָרטנשפּיל

| | |
|---|---|
| די קאָרט (ן) | carte/card |
| די טאַליע (ס) | paquet, jeu/pack, deck |
| טאַשן | battre/shuffle |
| שנײַדן | couper/cut |
| אויסוואַרפֿן | donner/deal |
| געווינען | gagner/win |
| פֿאַרלירן, פֿאַרשפּילן | perdre/lose |
| שווינדלען, דרייען | tricher/cheat |
| בלאָפֿן | bluffer/bluff |
| דער קאָן | mise ; partie/stake; hand |
| דער טויז (טײַז) | as/ace |
| דער קאָליר (ן) | couleur/suit |
| שעל, שערל, קאַראָ | carreau/diamonds |
| רויט, האַרץ, לבֿ [LEV] | cœur/hearts |
| גרין, שיפּע | pique/spades |
| אייכל, טרעף, צלם [TSEYLEM] | trèfle/clubs |

[סוף פֿון זײַט 1]

טאָג־אַרבעטער, בעטלער[34]. זיי זײַנען געווען פֿרומע ייִדן, ייִדיש־רעדערס, מיט לאַנגע טראַדיציאָנעלע קליידער. די צוויי קהילות האָבן זיך ניט אויסגעמישט – געדאַוונט[35] אין באַזונדערע שולן, ניט חתונה געהאַט[36] צווישן זיך.

## רעמבראַנדט און די ייִדן

עס איז באַקאַנט אַז רעמבראַנדט האָט געהאַט פֿיל קאָנטאַקטן מיט ייִדן אינעם קוואַרטאַל. זײַנע שכנים זענען געווען אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי מיגעל עספּינאָזאַ (אָדער ספּינאָזאַ), דער פֿאָטער פֿונעם פֿילאָזאָף ברוך[37] ספּינאָזאַ, און מנשה בן ישׂראל[38], דער באַרימטסטער רבֿ[39] אין אייראָפּע אין יענע צײַטן. רעמבראַנדט האָט געמאָלט אַ סך בילדער פֿאַר ייִדישע קונים.

ער האָט אויך אָנטייל גענומען אין אַ גרויסן פּראָיעקט – אַ סעריע ראַדירונגען[40] צום בוך פֿון מנשה בן ישׂראל, *פּיעדראַ גלאָריאָזאַ*, וואָס דערציילט די גאַנצע געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק ביז משיחס[41] צײַטן. אַחוץ דעם[42] האָט רעמבראַנדט געמאַכט אַ סך צייכענונגען, גראַווירן און געמעלן[43] פֿון ייִדן – פּערזענלעכקייטן, ווי דאָקטאָר אפֿרים[44] בוענאָ, און פּשוטע[45] לײַט, ווי בעטלער, מאַרק־פֿאַרקויפֿער, ייִדן דאַוונענדיק אין שול. אַ פּאָר מיטצײַטיקע[46] מאָלער האָבן שאַרף קריטיקירט רעמבראַנדטן אַז ער פֿאַרנעמט זיך מיט אַזעלכע טעמעס ווי „בעטלער, אַקטיאָרן, און דאָס ערגסטע – ייִדן, אומווערדיק[47] פֿאַר דער הויכער קונסט פֿון מאָלערײַ“.

רעמבראַנדטס בליק אויף ייִדן איז אַ רעאַליסטישער און אַ פֿרײַנדלעכער, אין קעגנטייל צו[48] אַ סך אייראָפּעיִשע קינסטלער פֿון יענער צײַט.

און די ייִדישע כּלה, דער צוריקגעקערטער זון און משה רבנו ? אין דער אמתן[49] קען מען ניט וויסן אויב די מאָדעלן זײַנען געווען ייִדן. מען ווייסט אָבער יאָ אַז רעמבראַנדט האָט זיך באַנוצט מיט אַ סך ייִדישע מאָדעלן פֿאַר זײַנע תּנך[50]־סצענעס. אַזוי אַרום זעען מיר דורך



**רעמבראַנדטס פּאָרטרעט פֿון אפֿרים בוענאָ**

זײַנע אויגן דאָס ייִדישע לעבן פֿון אַמאָליקן אַמסטערדאַם.

*מאַרינאַ אַלעקסעיעוואַ*

34. mendiants/beggars 35. priaient/prayed 36. KHA'SENE ... se mariaient/intermarry 37. BOREKh Baruch 38. MENAShE BEN YISROEL Menasseh ben Israel 39. ROV rabbin/rabbi 40. eaux-fortes/etchings 41. MEShIEKhS du Messie/Messiah's 42. AKhU'TS à part/except 43. tableaux/paintings 44. EFROIM 45. PO'ShETE simples/simple 46. contemporains/contemporary 47. indigne/unworthy 48. contrairement à/unlike 49. ... E'MESN en vérité/in fact 50. TANA'Kh la Bible juive/the Jewish Bible.

## קונסט־גלאָסאַר



| | |
|---|---|
| peindre/paint | מאָלן |
| dessiner/draw | צייכענען |
| artiste/artist | דער קינסטלער |
| peintre/painter | דער מאָלער |
| peinture (art)/painting (art) | די מאָלערײַ |
| image, tableau/picture, painting | דאָס בילד (ער) |
| tableau/painting | דאָס געמעל (ן) |
| toile/linen, canvas | די/דאָס לײַוונט (ן) |
| peinture à l'huile/oil painting | דאָס אײלבילד (ער) |
| dessin/drawing | די צייכענונג (ען) |
| gravure/engraving | די גראַוויור (ן) |
| gravure sur bois/woodcut | דער האָלצשניט (ן) |
| gravure sur cuivre/copperplate | דער קופּערשטאָך (ן) |
| eau-forte/etching | די ראַדירונג (ען) |
| lithographie/lithography | די ליטאָגראַפֿיע (ס) |
| portrait | דער פּאָרטרעט (ן) |
| paysage/landscape | די לאַנדשאַפֿט (ן), דער פּייזאַזש (ן) |
| nature morte/still life | דאָס שטיללעבן (ס) |
| original | דער אָריגינאַל (ן) |
| copie/copy | די קאָפּיע (ס) |
| pinceau/brush | דער פּענדזל (ען) |
| crayon/pencil | דער בלײַער (ס) |
| encre/ink | דער/די טינט |
| peinture (couleur)/paint | די פֿאַרב (ן) |
| palette | די פּאַליטרע (ס) |
| atelier/studio | דער אַטעליע (ען), דער וואַרשטאַט (ן) |
| chevalet/easel | דאָס געשטעל (ן) |






דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

*דער ייִדישער טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט יצחק, מאַרי, מאַרינאַ, נאַטאַליאַ, עוולין, רובי.



DER YIDISHER TAMTAM
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18, passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com



מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם* אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com

[סוף פֿון זײַט 3]



אומאויסשעפּלעך
געלטבײַטל[30].
– פֿאָרטונאַטוסעס
אומאויסשעפּלעך
געלטבײַטל ? האָב איך
אָפּגעהאַקט. און כאָטש[31] איך
בין געווען אַזוי דערשראָקן,
האָט מיר דער קאָפּ גענומען
שווינדלען[32] פֿון דעם
אָנשלאָג[33]. איך האָב שוין
געמיינט אַז איך זע גאָלדענע
קערבלעך[34].

– מײַן הער, פּרוּווט אויס דאָס בײַטל. און ער האָט אַרויסגעצויגן פֿון קעשענע אַ בײַטל פֿון סאַפֿיאַן[35], ניט גרויס און ניט קליין, מיט צוויי לעדערנע פּאַסיקלעך. ער האָט עס מיר געגעבן. איך האָב אַרײַנגעשטעקט די האַנט און אַרויסגענומען צען גאָלדענע קערבלעך, און נאָך צען, און נאָך צען, און נאָך צען. באַלד האָב איך אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט און אים געגעבן אַ תּקיעת־כּף[36] : „אָפּגעמאַכט[37] ! פֿאַר דעם דאָזיקן בײַטל גיב איך מײַן שאָטן“. ער האָט מיר אַ קלאַפּ געגעבן אין האַנט, זיך באַלד געשטעלט אויף די קני און איך האָב געזען ווי געשיקט[38] ער האָט אָפּגעשיידט[39] דעם שאָטן פֿונעם גראָז פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, אײַנגעוויקלט[40], צונויפֿגעלייגט[41] און אַרײַנגעשטעקט אין דער קעשענע אַרײַן. ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט, האָט זיך נאָך אַ מאָל אײַנגעבויגן און צוריקגעגאַנגען אינעם רויזן־גאָרטן. עס האָט זיך מיר געדאַכט אַז ער האָט שטיל געלאַכט. נאָר איך האָב מײַן בײַטל פֿעסט געהאַלטן ; אַרום מיר איז די ערד געווען פֿאַרפֿלייצט[42] מיט ליכט און איך האָב זיך נאָך ניט אָפּגעטשוכעט[43].



*פֿרײַ איבערגעזעצט דורך אַן פֿריי*

פּעטער שלעמיל ווערט טאַקע רײַך, נאָר ער אַנטדעקט אַז ס'איז אוממעגלעך צו לעבן צווישן מענטשן אָן אַ שאָטן. מען וויל אים ניט קענען, אַלע האָבן מורא[44] פֿאַר אים. ער זונדערט זיך אָפּ[45] אין גאַנצן פֿון דער געזעלשאַפֿט[46] און גייט לעבן אַליין אויף אַן אינדזל.
די קריטיק האָט אַ סך געשריבן וועגן די ענלעכקייטן צווישן דעם מחבר און זײַן העלד, זײַן געפֿיל פֿון היימלאָזיקייט און אויסגעוואָרצלטקייט[47]. כאָטש אינעם בוך זאָגט מען נישט אַז דער העלד איז אַ ייִד, פּאַסט די פֿיגור פֿון פּעטער שלעמיל זייער גוט פֿאַר אַ סימבאָל פֿון אַ ייִדישן גורל[48] – אַ לעבן אָן אַ היימלאַנד, אויפֿן ראַנד[49] פֿון דער געזעלשאַפֿט, אָפּגעזונדערט און פֿאַרפֿאָלגט[50]. אַנדערע קריטיקער האָבן געזען אין פּעטער שלעמיל אַ מענטש וואָס האָט פֿאַרלוירן זײַן אידענטיטעט, אַ סימבאָל פֿון אַליענאַציע אין דער מאָדערנער וועלט. ווי עס זאָל ניט זײַן, איז עס זייער אַ שיינע פֿאַנטאַסטישע מעשׂה[51] וואָס יעדער קען לייענען מיט גרויס פֿאַרגעניגן !

30. bourse inépuisable/bottomless purse 31. bien que/although 32. tourner/spin 33. proposition/proposal 34. pièces d'or/gold coins 35. maroquin/Morocco leather 36. TKIES-KAF poignée de mains/handshake 37. conclu/agreed 38. habilement/adroitly 39. séparé/separated 40. roulé/rolled up 41. plié/folded 42. inondé/flooded 43. repris mes esprits/come to my senses 44. … MOYRE ont peur/are afraid 45. s'isole/cuts himself off 46. société/society 47. déracinement/rootlessness 48. GOYRL destin/destiny 49. marge/edge 50. persécutés/persecuted 51. MAYSE histoire/story.

# מאַטעמאַטיק־גלאָסאַר

| | |
|---|---|
| רעכענען | calculer/calculate |
| ציילן | compter/count |
| די רעכענונג (ען), | calcul/calculation |
| דער חשבון (ות) [KHEZhBM] | |
| די צאָל (ן) | nombre/number |
| דער/די ציפֿער (–) | chiffre/digit, number |
| ברוכצאָלן, | fractions |
| תּשבורות [TISHBOYRES] | |
| דער פּראָצענט (ן) | pourcentage, pour cent/percent |
| דער חיבור [KHIBER] | addition |
| צוגעבן, חיבורן [KHI'BERN] | ajouter/add |
| די סומע, | somme/sum |
| דער סך־הכּל [SAKHAKL] | |
| דער חיסור [KHISER], | soustraction/subtraction |
| דאָס אַראָפּנעמען | |
| אַראָפּנעמען | soustraire/subtract |
| דער כּפֿל [KEYFL], | multiplication |
| די מולטיפּליקאַציע | |
| כּפֿלען [KEYFLEN], מערן | multiplier/multiply |
| דער חילוק [KHILEK], | division |
| די טיילונג | |
| חילוקן [KHI'LEKN], | diviser/divide |
| טיילן (אויף) | |
| די גלײַכונג (ען) | équation |

# אַריטמעטישע אָפּעראַציעס

| | |
|---|---|
| + | פּלוס |
| - | מינוס |
| x | כּפֿל־צייכן [KEYFL] |
| : | חילוק־צייכן [KHILEK] |
| = | גלײַכצייכן |
| 1 + 1 = 2 | איינס פּלוס איינס איז (גלײַך) צוויי |
| 3 - 2 = 1 | דרײַ מינוס צוויי איז (גלײַך) איינס |
| 2 x 3 = 6 | צוויי מאָל דרײַ איז (גלײַך) זעקס |
| 4 : 2 = 2 | פֿיר געטיילט אויף צוויי איז (גלײַך) צוויי |

# פֿליגן און שפּינען[1]

פֿון זלמן שניאור[2]

זלמן שניאור איז געבוירן געוואָרן אין שקלאָוו, אַ קליין שטעטל אין ווײַסרוסלאַנד וואָס ער האָט באַשריבן אין עטלעכע ביכער, דער באַרימטסטער פֿון זיי *שקלאָווער ייִדן*[3]. אין אַ צווייטן בוך, *שקלאָווער קינדער*, זעט מען ווי אַזוי דאָס לעבן פֿון אַמאָליקע ייִדישע קינדער איז פֿאַרבונדן מיט דער נאַטור און מיט די צײַטן פֿון יאָר[4]. צווישן די קליינע העלדן איז דאָ ירחמיאלקע[5], וואָס טראַכט זיך אויס מאָדנע שפּילן מיט פֿאַרשיידענע חיהלעך[6].

„קומט דער ליבער זומער“ – אַזוי זינגען ייִדישע קינדער, – „שפּילן מיר אין זאַמד ...“. ירחמיאלקע אוריס מיזיניק[7] איז אויך אַ ייִדיש קינד נאָר אין זאַמד שפּילט ער ניט. ער האַלט ניט פֿון זאַמד. און, צווישן אונדז רעדנדיק, צוליב וואָס זאָל אַ חדר־ייִנגעלע[8] זיך שפּילן מיט טויטן זאַמד, ווען עס זענען דאָ אַזוי פֿיל קאָלירטע, לעבעדיקע פֿליגן און שפּינען אויף דער וועלט ? אויסער פֿליגן און שפּינען, זײַנען דאָ נאָך אויך שנײַדערלעך[9] און פֿלעדערלעך[10], זשוקעלעך[11] און היישעריקלעך[12]. אָבער די אייבערהאַנט[13] אין שטוב און אַרום שטוב האָבן פֿאָרט די צוויי שוואַרצע פֿעלקער, זעקספֿיסיקע און אַכטפֿיסיקע. באַלד נאָך פּסח[14] הייבן זיי אָן צו פֿאַרכאַפּן[15] די וועלט. איין פֿאָלק זשומעט[16] און שטיפּט[17], כאַפּט פֿון די טעפּ און נאַשט[18] פֿון די טעלער, ווו געטאָגט ניט גענעכטיקט. דאָס צווייטע פֿאָלק פּויזעט[19] און שווײַגט. יעדער טראָט איז מיט חשבון[20]. זיצט אויף איין אָרט, ווי די אײַנגעפֿונדעוועטע קרעמער[21], און וואַרט אויף פּרנסה[22]... און רק[23] עס רעכנט, רק עס ציילט מיט אַלע אַכט פֿינגער, וויפֿל פֿליגן עס **האָט** שוין אויפֿגעגעסן און וויפֿיל פֿליגן עס **וועט** נאָך אויפֿעסן. מאָדנע באַשעפֿענישן[24] ! האַלב־וועבער[25] און האַלב־מכשפֿים[26], און זײַנען ווײַט ניט די שוואַכערע ראַסע...

אויף לעבן און טויט קעמפֿן די דאָזיקע צוויי פֿעלקער. זיי איז ענג די וועלט ; „אָדער מיר אָדער איר !“ זשומזשען די פֿליגן און קערן וועלטן[27] ; „אָדער איר אָדער מיר !“ ענטפֿערן רויִק אָפּ די שפּינען און מאַכן מיט אַלע אַכט פֿינגער ווי די מכשפֿים...

און ירחמיאלקע קוקט זיך צו צו דער לאַנגער מלחמה[28], וואָס שפּילט זיך אָפּ פֿאַר זײַנע לעבעדיקע אייגלעך, פֿון אָנהייב ווייסנע[29] ביז שפּעט אין האַרבסט, און קען זיך זאַט ניט אָנקוקן[30].

לכתחילה[31] איז ער נייטראַל. פֿליגן און שפּינען שלאָגן זיך ? געזונטערהייט ! ער קוקט... נאָר ביסלעכווײַז ווערט ער אַרײַנגעצויגן אין קאַמף און זאָגט אַ דעה[32]. אַ מאָל שטעלט ער זיך אויף דעם צד[33], אַ מאָל – אויף יענעם צד. איין מאָל ראַטעוועט[34] ער פֿליגן פֿון נעץ, אַ צווייטן מאָל וואַרפֿט ער אונטער אַ קאַליקע[35] פֿליג אין שפּינוועבס[36] אַרײַן. נאָר הנאה[37] האָבן האָט ער אַלע מאָל. דער טאָג סטײַעט[38] אים ניט פֿאַר אַזאַ אומענדלעכן שפּיל. האַ־האַ־האַ ! ס'איז איין קאַפּעלע טשיקאַווער[39] ווי דאָס לערנען עבֿרי[40] אין חדר...



1. mouches et araignées/flies and spiders 2. ZALMEN SHNEYER (1886-1959) 3. *Oncle Uri et Les Siens*, Liana Levi, 1998/*Jews of Shklov* 4. saisons/seasons 5. YERAKHMI'ELKE 6. KHA'YELEKH bestioles/little creatures, insects; *sing.* חיהלע 7. benjamin d'Uri/Uri's youngest 8. KHEYDER-... écolier/schoolboy 9. *ici, probablement* libellules/*here, probably* dragonfly 10. papillons/butterflies 11. coléoptères/beetles 12. sauterelles/locusts 13. suprématie/upper hand 14. PEYSEKH la Pâque juive/Passover 15. conquérir/conquer 16. bourdonne/buzzes17. s'amuse/has fun 18. chipe/nibbles 19. rampe/creeps 20. ... KHEZHBM calculé/calculated 21. commerçants bien établis/well-established shopkeepers 22. PARNOSE subsistance/a living 23. RAK sans cesse/keeps on 24. créatures bizarres/peculiar creatures 25. tisserands/weavers 26. MEKHASHFIM sorciers/wizards; *sing.* מכשף MEKHASHEF 27. remuent le monde/overturn worlds 28. MILKHOME guerre/war 29. printemps/spring 30. ne se lasse pas de regarder/can't look his fill 31. LEKHATKHILE au début/at first 32. ... DEYE donne son avis/expresses an opinion 33. TSAD côté/side 34. sauve/rescues 35. estropié/injured 36. toile d'araignée/cobweb 37. HANOE plaisir/pleasure 38. ne suffit pas/is not enough 39. un peu plus intéressant/a little more interesting 40. IVRE lecture en hébreu/reading in Hebrew.

## זומערדיקער גלאָסאַר

| | |
|---|---|
| grillon/cricket | די גריל (ן) |
| sauterelle/locust | דער היי'שעריק (ן) |
| libellule/dragonfly | די ליבעלע (ס), דאָס וואַסער־מיידל (עך) |
| coléoptère, scarabée/beetle | דער זשוק (עס), דער כרושטש (עס) |
| araignée/spider | די/דער שפּין (ען) |
| fourmi/ant | די מוראַשקע (ס) |
| abeille/bee | די בין (ען) |
| guêpe/wasp | די וועספּ (ן), די אָסע (ס) |
| frelon/hornet | די האָ'רנבין (ען), דער שערשען (עס) |
| mouche/fly | די פֿליג (ן) |
| moustique/mosquito | די מוק (ן), דער קאָמאַר (ן), דער מאָסקיט (ן) |
| chenille/caterpillar | דאָס שלײַ'ערל (עך), דער אַפּפֿרעסער (ס) |
| papillon/butterfly | דאָס פֿלאַ'טערל (עך), דאָס פֿלע'דערל (עך), דאָס באַ'בעלע (ך), די באַ'בעטשקע (ס), דאָס שמע'טערל (עך), דער שמעטערלינג (ען), דאָס זומער־פֿייגעלע (עך), דער מאָטיל (ן) |

[סוף פֿון זײַט 5]

אַזוי געליטן. די אַלע שטעט
און שטעטלעך וואָס מיר
האָבן באַזוכט האָבן גאָרניט
אויפֿגעוועקט בײַ מיר
אין האַרצן. די רײַזע האָט
מיך אָבער יאָ דערנענטערט צו
דער אויסערגעוויינטלעכער
ייִדישער קולטור וואָס
האָט זיך אַנטוויקלט
אין פּוילן אין משך פֿון[35]
עטלעכע יאָרהונדערטער.
ס'האָט פֿאַרשטאַרקט מײַן
ווונטש צו קענען די רײַכע
ייִדישע ליטעראַטור און בעסער זיך
אויסצודריקן אויף מאַמע־לשון[36].

*אַלבערט ליפּקאָוויטש*

35. ... MESHEKH ... au cours de/in the course of 36. MAME-LOSHN yiddish.



## דעמאָנאָלאָגישער גלאָסאַר

| | |
|---|---|
| דער שד (ים) [SHED - SHEYDIM] | démon |
| די שדיכע (עס) [SHE'DIKHE] | démon (*fém.*) |
| דאָס שדל (שדימלעך) [SHEDL - SHE'YDIMLEKH] | diablotin/little devil |
| דאָס שרעטל (עך) | lutin/elf |
| דער לאַפּיטוט (ן) | diablotin/little devil |
| דער לץ (לצים/לצנים) [LETS - LEYTSIM/LETSONIM] | esprit farceur/prankster |
| דער (בייזער) רוח [RUEKH - RUKHES] | (mauvais) esprit/(evil) spirit |
| דער נישט־גוטער (נישט־גוטע) | le Malin/the Evil one |
| די סיטרא־אַחרא [SITRE-AKHRE] | les forces du Mal/forces of Evil |
| דער יצר־הרע [YEYTSER-HORE] | le mauvais penchant/the evil inclination |
| דער טײַוול (טײַוולאָנים), שוואַרץ־יאָר | diable/devil |
| דער שׂטן [SOTN] | Satan |
| אַשמדאי [A'SHMEDAY] | Asmodée/Asmodeus |
| סמאל [SAMOEL], ס"ם [SAM] | Samaël |
| לילית [LILIS] | Lilith |
| דער/דאָס גיהנום [GE(HE)NEM] | enfer/hell |
| די אונטערוועלט, שאול־תּחתּיה [SHOYL-TAKHTIE] | monde souterrain/underworld |

[סוף פֿון זײַט 1]

All Hallows Evening, שפּעטער פֿאַרקירצט אויף Hallows' E'en אָדער Halloween. דער 2טער נאָוועמבער איז געוואָרן דער טאָג פֿון די טויטע.

די אַלטע קעלטישע מינהגים האָבן די אימיגראַנטן פֿון אירלאַנד און שאָטלאַנד מיטגעבראַכט מיט זיך קיין אַמעריקע אינעם 19טן יאָרהונדערט – און דאָס איז דער אָפּשטאַם[29] פֿון דער הײַנטיקער חגא האַלאָווין. די פֿאַרשיידענע פּירונגען פֿונעם הײַנטיקן האַלאָווין זײַנען וואַריאַנטן פֿון אָט די אַמאָליקע מינהגים. די קאָלירן פֿון האַלאָווין, אָראַנזש און שוואַרץ, סימבאָליזירן האַרבסט, דעם שניט[30] וואָס איז געענדיקט און די טונקעלע צײַט וואָס הייבט זיך אָן. די עפּל זײַנען געבליבן אין אַ שפּיל ווו קינדער דאַרפֿן אַרויסציִען אַן עפּל פֿון אַ שיסל וואַסער מיט די ציין אָן די הענט. די ריבן זײַנען געוואָרן אין אַמעריקע דיניעס[31], וואָס מען שניצט אויס אין זיי שרעקנדיקע פּנימער[32] און מע שטעלט אַרײַן אין זיי ליכט. אַלע אַנדערע סימבאָלן האָבן צו טאָן מיט טויט (פֿאַנטאָמען, סקעלעטן) און מיט די בייזע כּוחות[33] (מכשפֿות[34], וואַמפּירן, שוואַרצע קעץ, פֿלעדערמײַז[35] און פֿאַרשיידענע פֿאַרזעענישן[36]). הײַנט איז דאָס געוואָרן אַ פֿריילעכער יום־טובֿ, דער עיקר[37] פֿאַר קינדער, וואָס פֿאַרשטעלן זיך[38], גייען איבער די הײַזער קלײַבן צוקערלעך, און מאַכן אַלע סאָרטן שטיפֿערײַען[39]. ס'איז ענלעך צו פּורים דערמיט, וואָס מען מעג אויך טאָן זאַכן וואָס מע טאָר נישט טאָן אַ גאַנץ יאָר.

צוליב האַלאָווין האָבן מיר געווידמעט[40] דעם הײַנטיקן נומער אַלע איבערנאַטירלעכע כּוחות, וואָס זײַנען הײַנט צו טאָג שטאַרק אין דער מאָדע.



29. origine/origin 30. récolte/harvest 31. potirons/pumpkins 32. PE'NEMER visages/faces, *sing.* פּנים PONEM 33. KOYKHES forces ; *sing.* כּוח KOYEKH 34. MAKHSHEYFES sorcières/witches 35. chauve-souris/bats 36. monstres/monsters 37. DER IKER surtout/especially 38. se déguisent/dress up 39. farces/pranks 40. consacré/devoted.




דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ,
עוולין, רובי, שרון.



Der Yidisher Tamtam
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18 passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com


מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ: www.yiddishweb.com

# האַק מיר נישט קיין טשײַניק!!!!

איר האָט שוין זיכער געהערט דעם אויסדרוק „האַקן אַ טשײַניק[1]“. וואָס מיינט עס ? ס'איז דאָס זעלבע ווי „דרייען אַ ספּאָדיק“, „דרייען (אָדער האַקן, אָדער דולן) אַ קאָפּ“, „עקבערן דעם מוח[2]“, צי סתּם[3] „נודזשען“. איר האָט שוין אַוודאי[4] איבערגעלעבט אַזאַ זאַך : אַ מענטש – וואָס אין דעם פֿאַל קען מען אים רופֿן אַ נודניק[5] אָדער אַ ספּאָדיק־דרייער (אָבער ניט קיין „טשײַניק־האַקער“) – טשעפּעט זיך צו[6] צו אײַך, הייבט אָן צו רעדן, פּלאַפּלען, ברײַען, נודזשען, און לאָזט אײַך בשום אופֿן[7] ניט אָפּ. אַז אַ דולעניש[8] קען זײַן זייער אַ געפֿערלעכע זאַך און פֿירן צו אַ שוואַרצן סוף, וועלן אײַך זאָגן אַלע דאָקטוירים. עטלעכע ייִדישע אויסדרוקן באַשטעטיקן[9] די דאָזיקע סכּנה[10] : אַ נודניק קען אײַך אָנפּלאַפּלען פֿולע אויערן, מאַכן משוגע[11], אַרויסנודזשען די נשמה[12], מאַכן טראָגעדיק[13], מאַכן אַ לאָך אין קאָפּ, און צום סוף – פֿאַררעדן צום טויט. וועגן דעם האָבן שוין געשריבן אַ סך ייִדישע שרײַבער. דער סאַטיריקער יוסף טונקל[14] האָט געווידמעט אַ גאַנצע הומאָרעסקע די נודניקעס. דער פּאָעט איציק מאַנגער האָט אָנגעוויזן אויפֿן פֿאַקט, אַז האַקן אַ טשײַניק קען מען ניט נאָר רעדנדיק, נאָר אויך בכּתבֿ[15] (אינעם פּראָלאָג צו זײַן ציקל „מגילה[16]־לידער“ גראַמט ער[17] „ויזתא[18] דער רעדאַקטער,/וואָס האַקט אַ טשײַניק, האַקט ער“). און אינעם ייִדישן פֿאָלקלאָר איז אַוודאי דאָ אומצאָליקע וויצן וועגן נודניקעס פֿון אַלע סאָרטן.

ווי עס קומט צו דעם אַז „דרייען אַ ספּאָדיק“ מיינט דאָס זעלבע ווי „דרייען אַ קאָפּ“ איז גאַנץ פֿאַרשטענדלעך. דאָ מיינט מען אַוודאי ניט דעם ספּאָדיק[19] וואָס מע לייגט אונטער אַ גלאָז טיי, נאָר דאָס פֿוטערנע היטל[20] וואָס מע טוט אָן אויפֿן קאָפּ. אַזוי ווי דער קאָפּ און דער ספּאָדיק זענען גאָר נאָענט, ווערן זיי דאָ סינאָנימען. מע קען אַגבֿ[21] אויך זאָגן „דריי מיר נישט קיין היטל“, „דאַשיק[22]“ אָדער „יאַרמלקע[23]“. נאָר פֿון וואַנען קומט דער אויסדרוק „האַקן אַ טשײַניק“ ? מע קען געפֿינען עטלעכע אַנאַלאָגיעס צווישן אַ טשײַניק און אַ קאָפּ :ביידע זענען קײַלעכדיק[24], ביידע זענען אַ מאָל פּוסט[25], און אין ביידע קען זיך אַ מאָל קאָכן, ביז עס גייט אַ פּאַרע[26]... און ווען מע קלאַפּט אין אַ טשײַניק, באַקומט זיך זייער אַן אומאײַנגענעמער קלאַנג[27], און עס פֿילט זיך, ווי מע וואָלט אײַך געהאַקט אין קאָפּ. נאָר דאָס אַלץ וועט אײַך ניט זאָגן, ווי אַזוי זיך צו היטן פֿון אַ נודניק. דער טונקעלער טענהט[28] אַז פֿאַר אַ נודניק קען מען זיך קיין מאָל ניט באַהאַלטן. די איינציקע עצה[29] איז – אַנטלויפֿן ווו דער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט[30]. אַנדערע הייסן טרינקען טיי און זאָגן תּהילים[31], ווײַל ווי באַוווּסט, קען דאָס קיין מאָל ניט פֿאַרשאַטן[32].

1. enquiquiner, soûler de paroles, *litt.* taper sur la bouilloire/annoy, talk a blue streak, *lit.* bang on a tea kettle 2. ... MOYEKh percer le cerveau/drill one's brains 3. STAM simplement/just plain 4. AVADE bien sûr/of course 5. enquiquineur/pest, nuisance 6. s'accroche à/grab hold of 7. BESHU'M OYFN pas du tout/no way 8. embêtement/pain-in-the-neck 9. confirment/confirm 10. SAKONE danger 11. MESHUGE fou/crazy 12. NESHOME âme/soul 13. enceinte/pregnant 14. YOYSEF Tunkel (*pseud.* : Der Tunkeler) 15. BIKSA'V par écrit/in writing 16. MEGILE 17. il fait rimer/he rhymes 18. VAYEZOSE 19. soucoupe/saucer 20. chapeau de fourrure/fur hat 21. AGEV incidemment/by the way 22. visière/visor 23. calotte/skullcap 24. ronds/round 25. vides/empty 26. vapeur/steam 27. son désagréable/unpleasant sound 28. TAYNET prétend/argues 29. EYTSE conseil/advice 30. au bout du monde/to the ends of the earth 31. TILIM psaumes/psalms 32. jamais faire de mal/can never hurt.



## טייגלאָסאַר

| | |
|---|---|
| דער טיי | thé/tea |
| דער קרײַטעכצער־טיי | tisane/herbal tea |
| דער ליפּעטיי | tisane de tilleul/lime (linden) tea |
| דער פֿעפֿערמינץ(־טיי) | thé à la menthe/mint tea |
| דער קאַמילן־טיי | camomille |
| שטאַרקער (שוואַכער) טיי | thé fort (léger)/strong (weak) tea |
| דער טשײַניק (עס) | bouilloire ; théière/kettle; teapot |
| דאָס טשײַניקל (עך) | théière/teapot |
| דאָס טייזעקל (עך) | sachet de thé/tea bag |
| דער סאַמאָוואַר (ן) | samovar |
| אויפֿקאָכן וואַסער | faire bouillir l'eau/boil water |
| פֿאַרפּאַרען | faire infuser/brew |
| לאָזן אָנציִען | laisser infuser/steep |
| אויסמישן | tourner/stir |
| פֿאַרזיסן | sucrer/sweeten |
| די ציטרין (לימענע) | citron/lemon |
| דער צוקער (קינסטלעכער צוקער) | sucre (faux sucre)/sugar (fake sugar) |
| דער האָניק (דאָס אײַנגעמאַכטס, די וואַרעניע) | miel (confiture)/honey (jam) |
| מעלצוקער, מאָנטשקע (קלעצלעך צוקער) | sucre semoule (morceaux)/ powder (lump) sugar |
| דאָס גלאָז (גלעזער) | verre/glass |
| אַ גלאָז (גלעזעלע) טיי | un verre de thé/a glass of tea |
| דער קוביק (עס), דאָס קוביקל (עך) | gobelet/plastic cup, paper cup |
| דאָס טעפּל (עך) | tasse/cup |
| דער ספּאָדיק (עס) | soucoupe/saucer |
| דאָס לעפֿעלע (ך) | petite cuillère/teaspoon |



## גלאָסאַר
### (כּמעט) אַלץ וואָס איר האָט געוואָלט וויסן וועגן ליבע און זיך קיין מאָל ניט דערוועגט צו פֿרעגן

| | |
|---|---|
| amoureux, amoureuse/lover | דער געליבטער, די געליבטע |
| (petit-)ami/(boy)friend | דער חבֿר (ים) [KhAVER] |
| (petite-)amie/(girl)friend | די חבֿרטע (ס) [KhA'VERTE] |
| fiancé/bridegroom | דער חתן (ים) [KhOSN] |
| fiancée/bride | די כּלה (–ות) [KALE] |
| les fiancés/bride and groom | די חתן־כּלה [KhOSN-KALE] |
| couple (amoureux)/couple (in love) | דאָס (פֿאַרליבטע) פּאָרל |
| rendez-vous/date | די ראַנדקע |
| histoire d'amour, aventure/love affair | דער ראָמאַן, די ליבע־אַפֿערע |
| liaison extra-conjugale/infidelity | די לינקע ליבע |
| passion | די ליַידנשאַפֿט, די תּאווה [TAYVE] |
| désir/desire | דער באַגער, דער פֿאַרלאַנג |
| baiser/kiss | דער קוש (ן) |
| lettre d'amour/love le[tter] | דאָס ליבעבריוול |
| (in)fidèle/(un)faithful | (אומ)געטריַי |
| aimer/love | ליב האָבן |
| sortir (avec qqn)/go out with s.o. | פֿירן אַ ליבע |
| faire l'amour/make love | ליבן זיך, באַהעפֿטן זיך |
| tomber amoureux/fall in love | פֿאַרליבן זיך אין |
| séduire/seduce | פֿאַרפֿירן |
| se languir/yearn | בענקען |
| désirer de toutes ses forces/die for | חלשן [KhA'LEShN] נאָך, אויסגיין נאָך |
| embrasser/kiss | קושן |
| enlacer/embrace | אַרומנעמען |
| étreindre/hug | האַלדזן |
| faire des câlins/cuddle | מאַכן קוצעניו־מוצעניו |

[סוף פֿון זיַיט 5]

[...] און קיין פֿרילינג האָב איך קיין מאָל נישט געהאַט. [...] נאָך איידער איך בין געבוירן געוואָרן האָט עמעץ מיַין פֿרילינג איבערגעלעבט". אַ דאַנק בערגעלסאָנס פּסיכאָלאָגישער טיפֿקייט רופֿט אַרויס די ייִדישע מאַדאַם באָוואַרי אַזוי פֿיל רחמנות[45] ווי די פֿראַנצייזישע. דער ייִדישער שריַיבער דאַרף פֿלאָבערן[46] נישט מקנא זיַין[47].

צו פֿאַרשטיין די וויכטיקייט פֿון אַזאַ סטיל און פֿון אַזאַ דערגרייכונג וויל איך צוריקקומען צו פּרצעס פֿערזן. ווען דער יונגער בערגעלסאָן האָט אַרויסגעגעבן *נאָך אַלעמען*, איז דער אַלטער קלאַסיקער נאָך געווען ביַים לעבן. די פֿערזן פֿון „מאָניש", געשריבן אַרום 1880, זיַינען שטאַרק איראָניש. פּרץ האָט קיין מאָל נישט געמיינט אַז די ייִדישע טעכטער זיַינען אַזוי ווי ער שילדערט זיי. מיט דער גאַנצער טיראַדע האָט ער געמיינט צו וויַיזן אַז די ייִדישע שפּראַך און די ייִדישע ליטעראַטור זיַינען נאָך נישט גענוג אַנטוויקלט צו באַשריַיבן ניואַנסן פֿון געפֿילן. אויב פּרץ האָט געלייענט *נאָך אַלעמען* אין 1913, האָט ער געקענט אויסמעסטן דעם גרויסן מהלך[48] וואָס די ייִדישע ליטעראַטור איז אַדורך אין דער קורצער ציַיט (30 יאָר) זינט ער האָט אָנגעשריבן זיַין פּאָעמע. און פֿאַרמאַכנדיק דעם שיינעם און טרויעריקן ראָמאַן פֿון בערגעלסאָן האָט ער מסתּמא[49] געלאָזט פֿאַלן אַ טרער פֿון צופֿרידנקייט.

45. RAKhMONES pitié/pity 46. Flaubert 47. MEKANE ... envier/envy 48. MEHALEKh distance 49. MISTOME probablement/probably.





### די ליַיזונג פֿון ז׳ 7

| | | |
|---|---|---|
| 1 – ב | 6 – ט | 11 – ז |
| 2 – ד | 7 – י״ג | 12 – י״ב |
| 3 – ח | 8 – ה | 13 – י |
| 4 – ג | 9 – א | |
| 5 – ו | 10 – י״א | |

ווען דער דאָזיקער נומער איז שוין געווען אויסגעזעצט[1], איז צו אונדז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה[2] וועגן דער פּטירה[3] פֿונעם גרויסן ייִדישן פּאָעט אַבֿרהם[4] סוצקעווער. וועגן אים – אינעם קומענדיקן נומער.

1. mis en page/set 2. YEDIE nouvelle/news 3. PTIRE disparition/death 4. AVRO'M.


# דער ייִדישער טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט אַקווילע, יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ, עוולין, רובי.



Yidisher Tamtam
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18 passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com



מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם* אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com

# קריסטנטום־גלאָסאַר

| | |
|---|---|
| christianisme/Christianity/נצרות | דאָס קריסטנטום |
| chrétien/Christian/נוצרי | דער קריסט (ן) |
| catholique/Catholic/נוצרי קתולי | דער קאַטויל (ן)/קאַטויליקער (–) |
| orthodoxe/Orthodox/נוצרי אורתודוקסי | דער פּראַוואָסלאַוונער (–) |
| protestant/Protestant/נוצרי פרוטסטנטי | דער פּראָטעסטאַנט (ן) |
| non-Juif/gentile/לא יהודי | דער גוי (ים) |
| (*péjor.*) non-Juif/Gentile/(לא יהודי (כינוי שלילי | דער ערל (ים) [ORL-AREYLIM] |
| Jésus (le Nazaréen)/Jesus (the Nazarene)/ישוע | יעזוס/ישו(־הנוצרי) [YEYSHU-HANOYTSRI] |
| (*péjor.*) Jésus/(ישוע (כינוי שלילי | יויזל |
| sainte Marie/St Mary/מרים הקדושה | די הייליקע מאַריע/מאַטקע באָסקע |
| église/church/כנסיה | דער קלויסטער (ס)/דער קאָשטשאָל (עס)/די קירך (ן) |
| église orthodoxe/Orthodox church/כנסיה אורתודוקסית | די צערקווע (ס) |
| (*péjor.*) église/church/(כנסיה (כינוי שלילי | די תּיפֿלה (–ות) [TIFLE] |
| messe/mass/מיסה | די מעסע (ס) |
| croix/cross/צלב | דער צלם (ים) [TSEYLEM-TSLOMIM] |
| se signer/cross oneself/להצטלב | צלמען זיך [TSE'YLEMEN] |
| curé/priest/כומר | דער גלח (ים) [GALEKH-GALOKHIM] |
| évêque/bishop/בישוף, הגמון | דער בישאָף (ן) |
| pape/pope/אפיפיור | דער פּויפּסט (ן) |
| pasteur/pastor/כומר פרוטסטנטי | דער פּאַסטאָר (ן) |
| moine/monk/נזיר | דער מאָנאַך (ן) |
| nonne/nun/נזירה | די מאָ'נאַשקע (ס) |
| monastère, couvent/monastery, convent/מנזר | דער מאָנאַסטי'ר (ן) |
| conversion (au christianisme)/(to Christianity)/(המרת דת (לנצרות | דער שמד (ן) [SHMAD] |
| le converti/the convert/מומר | דער משומד (ים) [MESHUMED-MESHUMODIM] |
| se convertir/to convert/להמיר דת | שמדן זיך [SHMADN] |



# ייִדישער פּויפּסט אין ליטעראַטור

אין דער אמתן[1] איז אַ מאָל יאָ געווען אַ ייִדישער פּויפּסט, ד"ה[2], אַ פּויפּסט וואָס האָט געשטאַמט פֿון דער רײַכער ייִדישער משפּחה[3] פּיערלעאָנע. מע האָט אים אויסדערוויילט[4] אין רוים[5] אין יאָר 1130 אונטערן נאָמען אַנאַקלעטוס דער צווייטער, און דאָס האָט געבראַכט צו אַ סכיזמע[6] אין דער קירך. די קעגנערישע פֿראַקציע[7] האָט דערוויילט אַ צווייטן פּויפּסט (אינאָצענט דער צווייטער), וואָס האָט געקראָגן אַ סך אונטערשטיצונג[8]. אַזוי אַרום איז דער „ייִדישער פּויפּסט“ געבליבן אָן קיין אמתער מאַכט[9] ביז זײַן טויט אין 1138. בײַ ייִדן אָבער איז אויסגעוואַקסן אַ לעגענדע אַז ער איז ניט געשטאָרבן נאָר פֿאַרשווונדן און צוריקגעקומען צו ייִדישקייט. די ערשטע ווערסיע פֿון אָט דער לעגענדע אויף ייִדיש געפֿינט זיך אין *מעשׂה־בוך*[10] (דערשינען אין באַזל, 1602). עס דערציילט וועגן אַ ייִדיש קינד אין שטאָט מײַנץ, וואָס ווערט פֿאַרכאַפּט פֿון קריסטן, געשמדט[11] קעגן זײַן ווילן, נאָר דערפֿאַר וואָס ער איז אַזוי גוט און אַזוי קלוג שטײַגט[12] ער העכער און העכער אין דער קירך ביז ער ווערט פּויפּסט. זײַענדיק בײַ דער מאַכט, טוט ער אַל דאָס מעגלעכע צו שיצן[13] ייִדן און בײַם סוף[14] אַנטלויפֿט ער בסוד[15] און ווערט צוריק אַ ייִד. די דערציילונג פֿון באַשעוויס (זעט ז' 2) שטיצט זיך אויף[16] אַזאַ לעגענדע. אָבער אין זײַן ווערסיע איז דער דערציילער דער יצר־הרע[17] וואָס פֿאַרפֿירט[18] אַ יונגן תּלמיד־חכם[19] אין פּוילן. דער יונגער־מאַן גלייבט אים און שמדט זיך טאַקע, נאָר ער ווערט נישט קיין פּויפּסט און בלײַבט בײַם סוף גאַנץ אַליין, אַרויס פֿון דער ייִדישער וועלט און נישט אַרײַן

[סוף אויף ז' 8]



דער שרײַבער אײַזיק־מאיר דיק

1. ... E'MESN en fait/in fact/למעשה 2. דאָס הייסט c'est-à-dire/that is/זאת אומרת 3. MISHPOKHE famille/family 4. élu/elected/נבחר 5. Rome/רומא 6. schisme/schism/פילוג 7. fraction/מחנה 8. soutien/support/תמיכה 9. E'MESER ... véritable pouvoir/real power/כח אמיתי 10. MAYSE-BUKH *Livre d'histoires*/*Story book* 11. GESHMA'T converti/converted/המיר דתו 12. monte/rises/עולה 13. protéger/protect/להגן 14. ... SOF à la fin/at the end 15. BESO'D en secret/in secret 16. se base sur/is based on/מתבסס על 17. YEYTSER-HORE l'esprit du mal/evil impulse 18. séduit/leads astray/מפתה 19. TALMID-KHOKHEM érudit/scholar



# קעצישער גלאָסאַר

| | |
|---|---|
| די קאַץ (קעץ) | chat ; chatte/cat |
| דער קאָטער (ס) | matou/tomcat |
| דאָס קעצל (עך) / דאָס קע'צעלע (ך) | chaton, petit chat/kitten |
| דאָס פּיסקל (עך) | museau/mouth |
| די וואָנצעס | moustaches/whiskers |
| דער ווײדל (עך) / דער עק (ן) | queue/tail |
| די לאַפּקע (ס) | patte/paw |
| דער קרעל (ן) | griffe/claw |
| די פֿעל | fourrure, pelage/fur |
| דער פֿײַ'נשמעקער (—/ס) | gourmet |
| די מילך | lait/milk |
| די מויז (מײַז) | souris/mouse |
| דאָס באַקוועמסטע אָרט | l'endroit le plus confortable/coziest spot |
| דער ווייכסטער קישן | le coussin le plus doux/softest cushion |
| קעציש | félin, de chat/feline, catlike |
| עלעגאַ'נט | élégant |
| חנעוודיק [KhE'YNEVDIK] | charmant, mignon/cute, sweet, charming |
| פֿרײַ | libre/free |
| או'מאָפּהענגיק | indépendant/independent |
| זייער, זייער קלוג | très, très intelligent/smart, clever, wise |
| וואַשן זיך | faire sa toilette/wash itself |
| שפּרינגען (געשפּרונגען) | sauter, bondir/jump, spring |
| כאַפּן פֿיש | pêcher/catch fish |
| דראַפּען (געדראַפּעט) | griffer/scratch |
| מאַכן זיך ניט וויסנדיק | feindre d'ignorer/feign igorance |
| באַליידיקן זיך | bouder/sulk |
| שלאָפֿן (אַ סך) | dormir (beaucoup)/sleep (a lot) |
| גלעטן (געגלעט'ט) | caresser/pet |
| מרוקען (געמרוקעט) | ronronner/purr |
| מיאַוקען (געמיאַוקעט) | miauler/meow |
| מיאַו ! | miau !/meow! |



# צי זענען מיר טאַקע[1] אין גלות[2]?

דאָס וואָרט „גלות”, וואָס באַטײַט[3] „דאָס ווױנען קעגן אײגענעם ווילן מחוץ[4] דעם הײמלאַנד”, האָט אױף ייִדיש נעגאַטיווע קאָנאָטאַציעס. מע ניצט עס דער עיקר[5] רעדנדיק וועגן דער פֿאַרוואָגלטקייט[6] פֿונעם ייִדישן פֿאָלק, ווי אױך אין אַ פּאָר פּעיאָראַטיווע אױסדרוקן: „לאַנג ווי דער גלות”[7], „זײַן אין גלות בײַ עמעצן”[8]. אַן אַנדער נעגאַטיווער באַגריף[9] וואָס האָט צו טאָן מיט צעטײלונג און ווױנען ווײַט אײנער פֿונעם צווײטן איז „צעזײט און צעשפּרײט”[10]. שלום-עליכם[11] האָט עס גענוצט ווי אַ טיטל פֿון זײַן ערשטער גרויסער דראַמע (1905), וווּ ער באַשרײַבט אַ ייִדישע משפּחה[12] וואָס צעפֿאָרט זיך איבער דער וועלט. דאָס וואָרט „צעזײט” (וואָס קומט פֿון „זײען”[13]) דערמאָנט אונדז אינעם אינטערנאַציאָנאַלן באַגריף „דיאַספּאָראַ”, וואָס שטאַמט פֿון גריכיש און האָט דעם זעלביקן באַטײַט. צוליב דער דאָזיקער עטימאָלאָגיע קען מען אין בײדע ווערטער זען אױך אַ פּאָזיטיוון אַספּעקט פֿון „פּרוכפּערן און מערן זיך”[14] אין עטלעכע ערטער אױף אײן מאָל.

בײַם סוף[15] פֿונעם 19טן יאָרהונדערט האָט זיך אין אַשכּנז[16] אַנטוויקלט[17] אַ גאַנצע דיאַספּאָריסטישע אידעאָלאָגיע, וואָס מע רופֿט אָן די „דאָיִקייט”[18], און וואָס איר הויפּט-פֿאָרשטײער[19] איז די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטײ בונד[20]. דער געדאַנק איז געווען ניט צו זוכן ערגעץ אַנדערש אַ רעטונגסאָרט[21] צי אַן אײגענע מלוכה[22] פֿאַר די מיזרח[23]-אײראָפּעיִשע ייִדן, נאָר צו דערגרײכן אַ נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע[24] דאָרטן ווו מע וווינט.

די שפּעטערדיקע אַנטוויקלונג פֿונעם באַגריף „ייִדישלאַנד” — אַ גײַסטיקע[25] טעריטאָריע, וואָס איז ניט צוגעבונדן צו קײן געאָגראַפֿיש אָרט, נאָר צו שפּראַך און קולטור, איז אױך אַרויסגעוואַקסן פֿונעם געדאַנק פֿון אַ קאָלעקטיווער דיאַספּאָרישער אידענטיטעט.

אין אונדזערע צײַטן, ווען ס׳איז דאָ אַן אַלוועלטלעכע[26] טענדענץ אָפּצושאַפֿן[27] שטײַפֿע ראַמען און גרענעצן, ווי אױך מערער צו האַלטן פֿון[28] דעצענטראַליזאַציע און איבערנאַציאָנאַלע פֿאַרבינדונגען, איז דער באַגריף פֿון דיאַספּאָראַ (וואָס זײַן ייִדישער עקוויוואַלענט איז „תּפֿוצות”[29]) געוואָרן זײער פּאָפּולער אױף פֿאַרשײדענע געביטן[30] און האָט געקראָגן אַ פּאָזיטיוון באַטײַט.

די פֿראַגע פֿון די תּפֿוצותדיקע אַספּעקטן אין דער מאָדערנער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור איז לעצטנס באַהאַנדלט[31] געוואָרן אױף אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפֿערענץ „ליטעראַרישע דיאַספּאָראַס אין אַשכּנז” (פּאַריז, דעם 13טן און 14טן יוני 2016). די אָרגאַניזאַטאָרן, שרון בר-כּוכבֿא[32] פֿונעם אינסטיטוט פֿאַר מיזרחדיקע שפּראַכן[33] און טל חבֿר-כיבאָווסקי[34] פֿונעם פּאַריזער ייִדיש-צענטער, האָבן פֿאָרגעלײגט[35] די פֿאַראינטערעסירטע פֿאָרשער[36] צו געבן אַן אַרײַנקלער[37] אין דער טעאָריע און פֿאָרשטעלונגען[38] פֿון תּפֿוצות אין די אָ צוויי ליטעראַטורן, פֿון דער צײַט פֿון דער השׂכּלה[39] ביז הײַנט. די קאָנפֿערענץ האָט דערעפֿנט דניאל באָיאַרין[40], אַ באַוווסטער גמרא[41]-ספּעציאַליסט, וואָס האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן דאָס בוך דאָס אַרומוואַנדערנדיקע הײמלאַנד: תּלמוד-בבֿלי ווי אַ דיאַספּאָראַ[42]. עס האָבן זיך באַטײליקט מיט רעפֿעראַטן[43] זיבעצן פֿאָרשער פֿון זיבן לענדער. צום סוף האָט מען געפּראַוועט[44] דאָס דערשײַנען פֿון אַ נײַער צײַטשריפֿט געווידמעט דעם תּפֿוצותדיקן[45] העברעיִש, מכאן ואילך[46] (זעט ז׳ 9).

1. vraiment/really 2. GOLES exil/exile 3. signifie/means 4. MIKhU’TS en dehors de/outside of 5. … IKER surtout/principally 6. errance/exile 7. interminable 8. subir les brimades de/be opressed by 9. terme/term 10. éparpillés/scattered 11. SHOLEM-ALEYKhEM (1859-1916) 12. MISHPOKhE famille/family 13. semer/sow 14. être fécond et se multiplier/be fruitful and multiply 15. SOF fin/end 16. A’ShKENAZ Ashkénaz, Europe centrale et orientale/Ashkenaz, Central and Eastern Europe 17. développé/developed 18. “l’être ici”/“hereness” 19. représentant principal/main representative 20. Bund 21. refuge 22. MELUKhE État/state 23. MIZREKh de l’Est/Eastern 24. autonomie/autonomy 25. spirituel/spiritual 26. mondial/global 27. abolir/abolish 28. apprécier/appreciate 29. TFUTSES diaspora 30. domaines/fields 31. traité/treated 32. Sharon Bar-Kochva 33. … MI’ZREKhDIKE … INALCO 34. Tal Hever-Chybowski 35. proposé/proposed 36. chercheurs/researchers 37. réflexion/reflection 38. représentations 39. HASKOLE Lumières juives/Jewish Enlightenment 40. Daniel Boyarin 41. GEMORE Talmud 42. … TALMUD-BAVLI … *A Traveling Homeland: The Babylonian Talmud as Diaspora* 43. conférences/papers 44. célébré/celebrated 45. TFU’TSESDIKN diasporique/diasporic 46. MIKA’N-VEEYLA’Kh *hébr.* à partir de maintenant, à partir d’ici/*Hebr.* from now on, from here on.

## דיאַספּאָרישער גלאָסאַר

| | |
|---|---|
| [GOLES] דאָס/דער גלות | exil, diaspora/exile, diaspora |
| [TFUTSES] תּפֿוצות | diaspora |
| [TFUTSES-YISROEL] תּפֿוצות-ישׂראל | diaspora juive/the Jewish diaspora |
| [MELUKhE] די מלוכה (—ות) | royaume, État/kingdom, state |
| די גרענעץ (ן) | frontière/border |
| דאָס הײמלאַנד | patrie, pays natal/homeland |
| דאָס ייִ׳דישלאַנד | Yiddishland |
| די דאָ׳יִקייט | l'être ici/hereness |
| די הײם (ען) | maison, foyer, chez soi/home |
| די פֿרעמד | terre étrangère/foreign land |
| וואַנדערן (געוואַנדערט) | errer, migrer/wander, migrate |
| וואָגלען (געוואָגלט) | mener une vie d'errance/wander |
| פֿאַרוואָגלט | en exil/far from home, wandering |
| [NA-VENA’D] נע-ונד | sans feu ni lieu/wandering, homeless |
| צעזײ׳ט און צעשפּרײ׳ט | dispersé, disséminé/scattered |
| פֿאַרשפּרײ׳ט | répandu, diffusé/widespread |
| דאָיִק | local, d'ici/local |
| הײמיש | familier/familiar |
| אויטאָנאָ׳ם | autonome/autonomous |
| אײגן (אײ׳גענע) | propre, à soi/one's own |
| אַ׳לוועלטלעך | universel, mondial/universal, global |